

# תורת אביגדור

פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

## פרשת וירא

# א נאטורליכע האטעל

פרנס השבוע

לכבוד בני החשובים והיקרים
כמר **אהרן יודא** און **אלי-הו שלעזינגער** ני"ו
מיט ליבשאפט,
פון אייער טאטע

## פרשת וירא

# א נאטורליכע האטעל

דער טאטע איז ארויס פון הויז, אינאיינעם מיט יוסי, איציק און אסתי, אויפן וועג צום פלייש געשעפט. דער טאטנ'ס חבר פון אמעריקע, קומט די וואך אן קיין ארץ ישראל און דער טאטע האט אים איינגעלאדנט צו קומען איינשטיין ביי אים, אויף די עטליכע טעג וואס ער וויילט אין ארץ ישראל. יעצט זענען זיי אויפן וועג צום פלייש געשעפט איינצוהאנדלען צינג פלייש, צו מכבד זיין די חשובע געסט ווען זיי קומען אן.

"טאטי," האט יוסי געפרעגט, "די מצוה פון הכנסת אורחים וואס מיר טוען יעצט, דערמאנט מיר דאס וואס מיר האבן געלערנט די וואך אין סקול פון אברהם אבינו מיט די מלאכים, אבער עס איז נאכנישט געווען א תורה דאן - פון וואו האט אברהם אבינו געוואוסט וועגן די מצוה פון הכנסת אורחים?"

דער טאטע האט געוואלט ענטפערן, ווען א מעכטיגע רעש האט פארטויבט זייערע אויערן.

"**בום! קראך!**" האט זיך געהערט א זעץ אין גאס. משפחת גאלדשטיין האבן זיך אומגעקוקט צו זען פון וואו דער מעכטיגער רעש איז געקומען, און האבן באמערקט אז אבדול, דער אראבישער ארבעטער, וואס האט געארבעט ביים דערנעבנדיגן בוי פראיעקט, האט אריינגעקראכט מיט זיין טרעקל אין אן עפל בוים וואס איז געשטאנען ביים עק גאס. עפלעך זענען געקומען צו פליען אויף אלע זייטן פון טרעקל, צעשפרייטנדיג זיך איבער דער ערד. די פייגלעך פון בוים האבן זיך דערשראקן און אנטלאפן פון זייער נעסטן...

מיט צועפנטע אויגן האבן זיי צוגעקוקט ווי אבדול רוקט זיך שווער ארויס פון זיין טרעקל און הייבט אן צו שרייען צום בוים, האקנדיג מיט זיינע פויסן אויפן שטאם. זיין פנים איז נאר געווארן רויטער און רויטער, שרייענדיג מיט באנומענע קולות, "פארוואס איז דער בוים דא?! ווער האט דאס אהערגעברענגט?! פארוואס? פארוואס? פארוואס?" אזוי האט אבדול געשריגן און געשריגן ביז ער איז שוין הייזעריג געווארן און זיינע קולות זענען אריבער אויף אראביש...

"אוי ווי, אן אראבער בלייבט אן אראבער..." האט דער טאטע זיך אנגערופן, "אבער, להבדיל, וואס קענען מיר זיך אפלערנען אויף פארקערט. דער אראבער פרעגט, 'פארוואס איז דא פאראן א בוים? ווער האט דאס אהערגעברענגט?' להבדיל, אויך אברהם אבינו האט געפרעגט די זעלבע קשיא אבער מיט ריינע כוונות.

"פון וועמען האט ער געפרעגט די קשיא?" האט איציק געוואלט פארשטיין? "איז זיין בוים אויך געשעדיגט געווארן פון זיין קעמלן?"

"ניין איציק, "ווער פון ענק קענען טראכטן וואס אברהם אבינו האט געמיינט צו פרעגן?" האט דער טאטע זיך געוואנדן צו די קינדער.




"איך מיין אז איך ווייס," האט זיך יוסי אנגערופן, "אברהם אבינו האט פארשטאנען אז אויב דער אויבערשטער האט אים געגעבן א בוים נעבן זיין געצעלט, מיינט דאס אז ער דארף עס ניצן פאר זיינע געסט צו זיצן אונטער דעם שאטן. טאטי, דו מיינסט אז אונזערע געסט וועלן אויך וועלן זיצן אונטער אונזער בוים אין הויף?"

"אפשר," האט דער טאטע זיך אונטערגעשמייכלט, " דיין תשובה וואס דו האסט יעצט געגעבן, איז זייער ענליך צו וואס הגה"צ רבי אביגדור מיללער ז"ל ברענגט.

אברהם אבינו האט נישט סתם געקוקט אויף זאכן פון דער וועלט און געזאגט, 'פיין און וואויל', און ווייטער געגאנגען. ניין, אברהם אבינו האט געקוקט אויף זיין בוים און עס באטראכט מיט וואונדער, 'אוהא, דאס איז הערליך! השי"ת האט געמאכט א שיינע האטעל נעבן מיין שטוב.'

"וואס? א האטעל?" האבן די קינדער זיך געוואונדערט.

"יא, א האטעל! האט דער טאטע פארגעזעצט צו מסביר זיין, "קוק אויף דעם בוים, דו זעסט די נעסטן פון פייגלעך אויף דעם? דיביימער שטעלן צו א היים פאר פייגלעך און אנדערע באשעפענישן. און פונקט ווי סיי וועלכע פינף-שטערנדיגע האטעל, סערווירן זיי אויך עסן."

"ביימער סערווירן עסן?" האט יוסי געפרעגט, "איך האב נאך קיינמאל נישט געזען ווי א בוים זאל סערווירן עסן."

"וואס הייסט? זיכער האסטו שוין געזען!" האט דער טאטע קלאר געשטעלט, אויפהייבנדיג איינע פון די רויטע, גלאנציגע עפעלעך וואס זענען אראפגעפאלן אויף דער ערד. "קוק דאס

אן, די עסן איז א וואונדערליכע דעליקאטעס! די שאלאכץ האלט די פרוכט פריש, און קליינע צעלן האלטן די זאפט אין פלאץ ביז דו בייסט אריין דערין. און וואס געבט דאס דיר? א פולע מויל מיט זיסע פרוכט זאפט מיט יעדן ביס!

דער בוים האלט פעסט צו דעם עפל, ביז דאס ווערט געצייטיגט און דאן לאזט זי אים אראפפאלן צו דער ערד. און יעצט קענען מיר דאס אויפהייבן און הנאה האבן דערפון. נאר אויב, צום ביישפיל, אבדול קראכט אריין אין בוים, דעמאלט קענען די עפלעך אראפפאלן אביסל פאר די צייט.

און אזוי האט אברהם אבינו געקוקט אויף זיין בוים און באמערקט ווי השי"ת לאזט די חיות איינשטיין אויף זיין בוים. ער האט געזען ווי השי"ת שטעלט צו נאראהאפטיגע עסן דורך דעם בוים. און נישט נאר עסן האט השי"ת צוגעשטעלט דורך דעם בוים, נאר אויך א שאטן וואו מענטשן קענען זיך באשיצן פון די זון, און א שטארקע שטאם אויף וואס מען קען זיך אנלאנען זיך אפצורוען.

אבער אברהם אבינו האט זיך נישט אפגעשטעלט דא, געזען און פארטיג. ניין! ער האט געזאגט, 'אויב השי"ת האט געמאכט די נאטורליכע ביימער זאל שפראצן אויף אלע זייטן, איז דאס א סימן אז ער וויל אז איך זאל מיך עפעס אפלערנען דערפון. דעריבער איז אברהם אבינו געווארן פארנומען נאכצוטון דעם ביישפיל פון השי"ת, צוצושטעלן עסן און א פלאץ זיך אפצורוען פאר יעדע דורכגייער.

די אבות הקדושים האבן פארשטאנען אז אלעס וואס השי"ת האט באשאפן אויף דער וועלט איז פאר אונז זיך צו לערנען א לימוד דערפון. און אויך מיר דארפן זיך אפשטעלן און באטראכטן די וואונדערליכע בריאה פון דער וועלט און זיך אפלערנען א לימוד פון באשעפער'ס חסדים. דאס איז וואס די תורה לערנט אונז ווען מיר ליינען פון אברהם אבינו'ס הכנסת אורחים, אז אויך מיר זאלן נאכטון דעם ביישפיל פון השי"ת."

די קינדער האבן צוגעשאקלט מיטן קאפ אז זיי האבן פארשטאנען וואס דער טאטע האט זיי דא געלערנט און יוסי האט שוין געטון למעשה. ער האט געהויבן פיס מיט שנעלע טריט.

"וואו לויפסטו?" האט אים דער טאטע געפרעגט.

"איך אייל מיך אהיים צו מאכן גרייט די געסט צימער פאר די חשוב'ע געסט. איך וויל טון רצון השם און צושטעלן א שיינע פלאץ פאר די געסט זיך אפצורוען נאך זייער לאנגע וועג!"

א לעכטיגן שבת!

הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך
הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א
קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3